# לחיזוק ההתקשרות
# לכ"ק אדמו"ר מה"מ

◆

**לזכות**

**שלום בן פריידא שיחי'**

**וזוגתו**

**פייגא רעכא רחל בת איטא העניא תחי'**

**ומשפחתם שיחיו**

לאויוש"ט

◆

לשנת ברכה והצלחה רבה בכל המצטרך

כתובתנו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

## תולדות

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

יובל שנים לנשיאות כ"ק אדמו"ר מה"מ

# תולדות

א. אויף „ואלה תולדות יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק", ברענגט רש"י וואס חז"ל[1] זאגן: „היו ליצני הדור אומרים מאבימלך נתעברה שרה כו' מה עשה הקב"ה צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם והעידו הכל אברהם הוליד את יצחק".

דארף מען פארשטיין: וויבאלד אז חז"ל זאגן דעם ענין בדרך שאלה ותשובה — „מה עשה הקב"ה צר כו'" (און באנוגענען זיך ניט צו זאגן בקיצור ובניחותא „היו ליצני הדור אומרים כו' צר הקב"ה קלסתר פניו כו'", אן די ווערטער „מה עשה הקב"ה") — איז משמע, אז אין דעם ענין פון „צר קלסתר פניו כו'" איז דא א ספעציעלער אויפטו, און דערפאר שטייט עס בלשון שאלה — „מה עשה הקב"ה" (בתמי'): וואס האט דער אויבערשטער ספעציעל געטאן צו באווארענען די טענה פון ליצני הדור?

איז תמוה: אין וואס באשטייט דער באזונדער אויפטו פון „צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם"? ס'איז דאך א דבר הרגיל ע"פ טבע אז א בן איז דומה לאביו[2] (עס דארפן זיין סיבות מיוחדות ער זאל זיין ניט בדומה)[3].

ב. וועט מען דאס פארשטיין לויטן ביאור אין דעם לשון וואס חז"ל זאגן[4]

בשייכות צו כמה ענינים (אז זיי זיינען) „קשה . . כקריעת ים סוף", אז אויך לגבי הקב"ה איז עס קשה, כביכול.

איז ידוע[5] די הסברה אין דעם, אז דער „קשה" פון קריעת ים סוף באשטייט (בעיקר) ניט אין דעם וואס דער ים איז נקרע געווארן און אין דעם וואס דער־נאך איז ער געוועזן נצב כמו נד[6]

[ובפרט לפי המבואר אין תניא[7], אז קריעת ים סוף איז א קלענערער פלא ווי בריאת שמים וארץ, איז דאך א וודאי ניט שייך צו זאגן דוקא אויף דעם „קשה"],

נאר אין דעם וואס ביי קריעת ים סוף זיינען געוועזן צוויי הפכים ביחד, „רפוא לישראל ונגוף למצרים"[8] (ווארום וועז דער ים וואלט זיך ניט געשפאלטן, וואלטן די מצריים ניט אריין אין ים) — בשעת אז מדת הדין האט געטענה'ט מה נשתנו אלו מאלו אלו עובדי ע"ז ואלו עובדי ע"ז[9]. און מהאי טעמא איז עס „קשה"[11], ווארום ע"פ הסדר דארף מען

1) ע"פ תנחומא פרשתנו א. וראה ב"מ פז, א.
2) ראה עדיות פ"ב מ"ט ובפירוש הרמב"ם שם.
3) אבל באגדת בראשית פל"ז: ציווה הקב"ה למלאך כו' אל תצור אותו דומה לאמו אלא לאביו — ולהעיר אשר ג"ז צריך ביאור למה לולא הציווי הי' דומה לאמו ולא לאביו. ואולי ע"פ מחז"ל אשה מזריעה תחלה יולדת זכר (ברכות ס, א. וש"נ).
4) פסחים קיח, א. סוטה ב, א. וש"נ. — ובזהר (ח"א רז, ב. ח"ב קע, א): קשין . . קמי קב"ה.

5) ראה שער האמונה פל"ב (בארא קצת). ובד"ה החודש תרנ"ד (ע' קלג) שהקושי הוא מצד שבקרי"ס הי' חיבור למעלה מהשתלשלות והשתלשלות. וראה מאמרי אדה"ז: תקס"ג ע' שטו. תקס"ה ע' רלה.
6) בשלח טו, ח.
7) ח"ב פ"ב.
8) וכ"ה בשאר הענינים שנאמר עליהם הלשון „קשה . . כקרי"ס". וכמו קשה לזווגן (סוטה שם), שהוא חיבור ב' הפכים, דכר ונוקבא. וכן קשין מזונותיו (פסחים שם), שהמשכת מזונות הוא מבחי' מזל שלמעלה מהשתל', כמבואר בביאוה"ז (יב, ב ובכ"מ).
9) ראה ישעי' יט, כב. זח"ב לו, א.
10) ראה זח"ב קע, ריש ע"ב. מכילתא בשלח יד, כח. ילקוט ראובני שם, כז.
11) וכמש"כ בזח"ב שם: קשה קמי' למעבר על ארח דינא.





חייך להביא לימות המשיח", ע"י שכל מציאותו, תיכף כשניעור משנתו, חדורה בהחיות דמשיח (שזוהי עצם מציאותו של כאו"א מישראל, משיח שבו) שמביאה לימות המשיח.

. . . ויה"ר והוא העיקר — שבתחלת חודש כסלו, חודש הגאולה, תבוא בפועל ובגילוי הגאולה האמיתית והשלימה, התחלת הגאולה ושלימותה, ע"י משיח צדקנו — „יעמוד מלך מבית דוד כו'", עד ש„יתקן את העולם לעבוד את ה' ביחד, שנאמר[9] אז אהפוך אל עמים גו' לעבדו שכם אחד"[5].

וכמרומז גם בסיום וחותם ההפטרה דשבוע שעבר . . ההפטרה דשבוע שעבר מסתיימת בהכרזה „יחי אדוני המלך דוד לעולם"[10] — נצחיות מלכות דוד שנמשכה במלכות שלמה, ששלימותה ע"י המלך המשיח שהוא „מבית דוד ומזרע שלמה"[11] — שתוכנה של הכרזה זו הוא התגלות מציאותו דמלך המשיח.

ועי"ז ולאח"ז באה התגלותו לעין כל ע"י פעולותיו כו'. . .

(משיחות ליל ה' פ' תולדות, אדר"ח כסלו, וש"פ תולדות, ב' כסלו תשנ"ב)

9) צפני' ג, ט.
10) מ"א א, לא.
11) סהמ"צ להרמב"ם מל"ת שסב. פיה"מ סנהדרין ר"פ חלק יסוד הי"ב. אגרת תימן.

# בשורת הגאולה

**...ובפרטיות יותר:**

**הענין ד„כל ימי חייך להביא לימות המשיח" מתבטא בכך שתיכף כשניעור עצם הנשמה (שמתגלה עצם מציאותו ורק העצם) מרגיש בנשימת האויר ענינו של משיח — אויר של משיח, ובלשון חז"ל[3] „רוחו של מלך המשיח".**

**ויש לומר, ש„אויר (רוח) של משיח" הוא למעלה גם מ„אורו[4] של משיח", כי, אור של משיח מורה על ההתגלות דמשיח ע"י פעולותיו (כמו „ילחם מלחמות ה'" עד ש„נצח"[5], וכיו"ב), משא"כ אויר של משיח מורה על העצם (חיות) דמשיח, כלומר, התגלות מציאותו (מציאות שקיימת גם לפנ"ז למלכות[6]) בתור מלך המשיח, ולאחרי התגלות מציאותו (אויר שבאין ערוך מאורו של משיח), מתחילה ההתגלות לעיני כל ע"י פעולותיו (אור של משיח).**

**ועפ"ז מובן שעיקר החידוש דביאת המשיח הוא בהתגלות מציאותו („מצאתי דוד עבדי"[7]), כי, כל פרטי הענינים שלאח"ז (התגלותו לעין כל ע"י פעולותיו לגאול את ישראל, וכל הענינים דימות המשיח), באים כתוצאה והסתעפות מהתגלות מציאותו, וכלולים בה.**

**... ובנוגע לפועל — „המעשה הוא העיקר"[8] . . צריך כאו"א מישראל להוסיף ביתר שאת וביתר עוז בהדגשת הענין ד„כל ימי**

---

3) ב"ר פ"ב, ד. פ"ח, א.

4) זח"ג לד, ב. נת' בלקוטי לוי"צ לזח"ג ע' ריט ואילך.

5) רמב"ם הל' מלכים ספי"א.

6) „מאותן הבאים מבני דוד ועדיין הי' להם ממשלה גם בגלות . . כגון רבינו הקדוש" (חדא"ג מהרש"א לסנהדרין צח, ב).

7) תהלים פט, כא.

8) אבות פ"א מי"ז.





זיך רעכענען מיט מדת הדין, און ביי קריעת ים סוף האָט מען זיך ניט גע־רעכנט מיט דעם[12].

ג. עד"ז וועט מען אויך פאַרשטיין בענינננו:

ס'איז ידוע[13] דער חילוק צווישן אברהם און יצחק, אַז אברהם איז גע־ווען אברהם אוהבי[14], אַ מרכבה צו מדת החסד, און דערפאַר איז געווען עבודתו בגמילות חסדים והכנסת אורחים, און יצחק איז געווען פחד יצחק[15], אַ מרכבה צו מדת הגבורה, וואָס דערפאַר איז עבודתו געווען חפירת בארות — אַראָפּ־נעמען די ערד און שטיינער וואָס זיי־נען מכסה אויפן מעין און מגלה זיין די מים חיים הנובעים מלמטה למעלה.

[און דערפאַר[16] איז דאָ אַ חילוק אויך בנוגע צו „יצא ממנו" (יניקת החיצונים) ווי דאָס איז מצד (קו החסד פון) אברהם און ווי דאָס איז פון (קו הגבורה פון) יצחק: אברהם יצא ממנו ישמעאל[17] — חסד דקליפה. און יצחק יצא ממנו עשו[17] — על חרבך תחי'[18], גבורה דקליפה].

און דאָס איז איינער פון די ביאורים פאַרוואָס דער פסוק דאַרף זאָגן און דוקא דאָ „אברהם הוליד את יצחק" — דלכאורה איז ניט פאַרשטאַנדיק:

א) דער הכרח צו זאָגן „אברהם הוליד את יצחק" איז נאָר ווייל דער פסוק דערמאָנט פריער „יצחק בן אברהם" — און ווי רש"י[19] איז מפרש „ע"י שכתב הכתוב יצחק בן אברהם הוזקק לומר כו'" — קען מען דאָך דערויף גופא פרעגן: די ווערטער „בן אברהם" האָבן לכאורה ניט געדאַרפט שטייען (ווייל דאָס ווייס מען שוין פון די פריערדיקע סדרות), ובמילא וואָלט מען אויך ניט געדאַרפט באַווארענען און זאָגן „אברהם הוליד את יצחק", נאָר גלייך דערציילן וועגן תולדות יצחק — „ויהי יצחק בן ארבעים שנה גו'"[20]?

ב) פאַרוואָס איז די תורה מרמז די באַווארעניש אויף טענת ליצני הדור ערשט אין פרשת תולדות, וואו עס רעדט זיך (בעיקר) וועגן תולדות יצחק — יעקב ועשו[21] (און אויך תולדות — מאורעות[22] יצחק), און „יצחק בן אברהם" ווערט דאָ דערמאָנט בלויז דרך אגב? דאָס האָט געדאַרפט שטיין אין דער (פריערדיקער) סדרה[23], וואו עס רעדט זיך וועגן לידת יצחק[24].

נאָר דער ביאור אין דעם: פון לשון הכתוב „ואלה תולדות יצחק גו'" — מיט אַ וואָ"ו המוסיף — איז מוכח אַז די פרשה קומט בהמשך צו פריער, וואו עס רעדט זיך וועגן ישמעאל. און וויבאַלד

---

12) שמטעם זה, מכת בכורות שהיתה נגוף ורפוא כאחד, הוצרכה להיות ע"י הקב"ה בכבודו ובעצמו, ראה לקו"ש ח"ג פ' בא (ובהנסמן שם), אבל לא נאמר בזה קשה (לגבי הקב"ה). וי"ל — כיון שדם הפסח (שחיטת הע"ז דמצרים) הבדילם מאלו עוע"ז כו'.

13) תו"א ותו"ח ריש פרשתנו. ובכ"מ.

14) ישעי' מא, ח. סוטה לא, א (עיי"ש). רמב"ם הל' תשובה פ"י, ה"ב.

15) ויצא לא, מב.

16) ראה לקו"ת ואתחנן ה, א.

17) פסחים נו, א. ויק"ר פל"ו, ה. ועוד. וראה ס' הליקוטים (הצ"צ) ערך ישמעאל.

18) תולדות כז, מ.

19) כאן.

20) וכמו שהקשו מפרשי רש"י כאן.

21) רש"י ריש פרשתנו.

22) ספורנו כאן. וראה גם רד"ק כאן. וראה בארוכה לקו"ש ח"ה ע' 112 ואילך.

23) כמו שהקשה בביאורי מהרא"י, גו"א, אלשיך ועוד כאן.

24) ובפרט, אשר גם בפועל, צר קלסתר פניו בעת יצירתו או ביום הגמלו (ראה מפרשי רש"י כאן. חדא"ג מהרש"א לב"מ שם). וברש"י וירא (כא, ב) „שהי' זיו איקונין שלו דומה לו" (אבל בדפוסים לפנינו הוא בחצאי עיגול).

אז אויך ישמעאל איז בן אברהם, ואדרבה[25]: בגילוי האט ישמעאל מער שייכות, לכאורה, צו אברהם ווי יצחק צו אברהם, ווייל ישמעאל איז בקו החסד (אזוי ווי אברהם[26] — נאר ער איז חסד דקליפה[27], און ער נעמט זיך פון אברהם בדרך „יצא ממנו"[28] — ארויס פון אים[28*]) און יצחק איז בקו הגבורה, היפך פון קו החסד —

דעריבער דארף תורה זאגן (אויך) ביי יצחק'ן אז ער איז בן אברהם, און נאך מוסיף זיין „אברהם הוליד את יצחק", אז אדרבה — דער יחס פון יצחק צו אברהם איז גאר באופן מיוחד: ניט נאר איז יצחק בן אברהם, נאר אברהם הוליד את יצחק[29]: אין דעם איז באשטאנען עיקר ענינו פון אברהם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[30] „כי ביצחק (דוקא) יקרא לך זרע".

ומהאי טעמא באווארנט עס די תורה ערשט אין פרשת תולדות: בשעת מען לערנט אז תולדות יצחק איז עשו, גבורה דקליפה (כנ"ל), און עיקר עבודתו (מאו־רעותיו) של יצחק איז חפירת בארות (היפך פון עבודת אברהם) — דא־מאלסט ווערט[31] תוקף הטענה פון ליצני הדור, אז יצחק האט ניט קיין שייכות מיט אברהם. און מען דארף עס שולל זיין.

ד. און דאס איז די שווערקייט (למעלה כביכול) אין „צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם":

דאס וואס א בן איז דומה לאביו, איז עס מצד דעם וואס דער בן נעמט זיך פון אב (מגופו ומנשמתו) איז ער דומה צו אים בגופו ובתכונת נפשו[32]:

אבער אברהם ויצחק, וויבאלד אז בתכונות נפשם זיינען זיי געווען בהיפך זה מזה, אברהם איז געווען פון מדת החסד און יצחק פון מדת הגבורה, און מצד דעם זיינען זיי געווען חלוקים אויך בשכלם (כידוע[33] בענין ב"ש וב"ה, אז מצד דעם חילוק בשרש נשמותיהם

---

25) נוסף על שנולד ראשון לאברהם, יותר מי"ג שנה — הוא הי' „בנך יחידך אשר אהבת" — לאברהם (ראה פרש"י כב, ב), שניהם נמולו לדעתם ובאותו היום.

26) ובפרט לפי המבואר בתו"ח פרשתנו (ד, ב ואילך) ועוד, שחסד דישמעאל אינו כחסד שאר האומות ו„יש לו צד אחיזה ממש בפנימיות המוחין" דאברהם. וראה לקו"ש חט"ו ע' 194.

27) ולכאורה לאחרי שעשה תשובה — הי"ה חסד דקדושה. וצ"ע. — ויתרה מזו נפילתו היא מחסד הנק' גדולה, חסד דתוהו (ס' הליקוטים הנ"ל וש"נ). וראה לקו"ש שם ע' 194 ואילך — אבל אינו שייך לנדו"ד, שהרי יש צדקה כב"נ (ראה הערה הבאה).

28) צ"ע שהרי ב"נ נצטוו על הצדקה (ר"ן לסנה' נו, ב. הרמ"ה שם. וראה רוקח ס' שסו. וראה תו"ש לוירא יח ס"ק ר'). — וגם לפס"ד הרמב"ם (הל' מלכים פ"י, הל"י) שלא נצטווה הרי „אם רצה לעשות מצוה כו' כדי לקבל שכר אין מונעים אותו לעשותה כהלכתה כו' עולה כו' צדקה כו'". וראה תניא ספ"א. שערי אורה פורים (צב, א). לקו"ב (על קונטרס ההתפעלות) להר"ה מפאריטש (מז, ב ואילך). וצ"ע.

28*) לקו"ת ואתחנן שם. שה"ש ט, ד.

29) ספורנו כאן. וראה גם כלי יקר עה"פ (ובאוה"ת — כרך א — כאן).

30) וירא כא, יב.

31) ועפ"ד החסידות יש להוסיף בזה: עיקר יניקת הקליפות הוא מקו הגבורה (צמצום והעלם) דוקא* — שמטעם זה קליפת עשו היא גרועה מקליפת ישמעאל (אוה"ת וירא צג, ב. וראה ספרי האזינו לב, ס. וראה הנטמן בלקו"ש שם ע' 197 הערה 58) — ולכן שוללת התורה טענת ליצני הדור „מאבימלך נתעברה שרה" בפרשת „תולדות יצחק — יעקב ועשו" (ומאורעותיו דחפירת בארות כו'), כי תוקף טענתם בא מצד מדת הגבורה והצמצום.

32) ראה בפירוש הרמב"ם עדיות שם: לפי שכשהוא קרוב לו במזגו כו'.

33) אגה"ק סי' יג. לקו"ת שה"ש מח, ג. וראה זח"ג רמה, א.

---

*) ראה סה"מ עת"ר (ע' צה) שמקו הימין משתלשל רק קליפת נוגה.





אוועקגיין לאיבוד, טאמער וועט איין טראפן אריינגיין לתוך פיו של בן המלך.

און דורך דער התעסקות אין „יפוצו מעינותיך חוצה", ברענגט דאס דעם „קאתי מר" דא מלכא משיחא, במהרה בימינו ממש.

(משיחת ש"פ תולדות תשכ"ה)

לקו"ש ח"ב ע' 100

---

## בשורת הגאולה

# מט.

**הנקודה העיקרית שבחיי כאו"א מישראל וכללות ישראל במשך כל הדורות: „כל ימי חייך להביא לימות המשיח"[1], ובהדגשה יתירה בדורנו זה ובתקופתנו זו, כמדובר כמ"פ בתקופה האחרונה (שכבר נשלמו כל הענינים וצריכים רק לקבל פני משיח צדקנו בפועל ממש).**

**. . . „כל ימי חייך" — פירושו בכל רגע ורגע שהאדם חי, הן ביום והן בלילה, הן ער והן ישן, שגם אז הוא חי ע"י נשימת האויר („כל הנשמה תהלל י־ה", „על כל נשימה ונשימה שאדם נושם כו'"[2]) שמוכרח להיות בכל רגע ורגע (משא"כ אכילה ושתי'). ו„כל ימי חייך להביא לימות המשיח" — פירושו שהחיות שלו (בכל רגע ורגע) הוא בהבאת ימות המשיח, כלומר, לא רק בשעה שחושב ומדבר ועושה פעולות להבאת המשיח, אלא עצם חיותו („חייך") הוא להביא לימות המשיח.**

---

1) ברכות יב, סע"ב — במשנה.

2) תהלים בסופו. ב"ר פי"ד, ט. דב"ר פ"ב, לז.

זיינען זיי געווען חלוק בשכלם; ב״ש האט נוטה געווען לחומרא און ב״ה לקולא), איז ע״פ טבע האבן זיי געדארפט זיין חלוק — און נאכמער הפכי — ובפרט בקלסתר פניהם[34], ווייל מראה הפנים איז פארבונדן מיט תכונות הנפש[35]: א בעל חסד — איז בסבר פנים יפות, א בעל גבורה — מיט א שטרייגען פנים[36] וכו׳,

ווערט דעריבער די קשיא „מה עשה הקב״ה״: וואס פאר אן עצה איז פאראן צו באווארענען די טענה פון ליצני הדור, וויבאלד אז מצד הטבע והסדר דארף אברהם ויצחק — זיין הפכים בקלסתר פנים וכו׳, אזוי ווי בהנהגתם זיינען זיי בחסד או בגבורה קוים הפכיים?

וויבאלד אבער אז ליצני הדור האבן גע׳טענה׳ט „מאבימלך[37] נתעברה שרה״, איז עשה הקב״ה — א דבר חידוש, היפך הטבע והסדר, ער אליין „צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם״.

ה. ס׳איז פארשטאנדיק אויך בפשטות, אז דאס וואס הקב״ה „צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם״, איז געווען ניט בלויז אז זייער גשמיות׳דיקער אויסזעהן זאל זיין בדומה, נאר אדרבה: דאס וואס זיי זיינען געווען דומה אין זייער גשמיות׳דיקן ציור, איז ווייל זייער „קלסתר פנים״ ברוחניות איז געווען דומה.

וע״פ המבואר בכ״מ:

אע״פ אז חסד וגבורה זיינען הפכיים זה מזה, זיינען אבער די גבורות דיצחק א המשך און תוצאה פון חסדים דאברהם (ווי דער פסוק זאגט דא: אברהם הוליד את יצחק).

און ניט נאר ווייל די סיבה פון גבורה איז — חסד: חסד וויל דאך אז די השפעה זאל נתקבל ווערן און רוב טובה אין יכולים לקבל[38] — מוז עס זיין ע״י הגבורות (צמצום השפע) דוקא[39] — נאר נאך מער: די גבורות דיצחק זיינען אן ענין פון חסד בגילוי, דורך די גבורות דוקא טוט זיך אויף א ריבוי ותוספת בהשפעה[40] (כידוע בפירוש „גבורות גשמים״[41]), וואס דערפאר שטייט[42] בנוגע יצחק׳ן „וארבה את זרעו ואתן לו את יצחק״.

און אט די התכללות פון חסד (דאברהם) און גבורה (דיצחק) נעמט זיך מצד למעלה מסדר והשתלשלות — מצד דעם קען זיין חיבור פון הפכיים.

דערמיט וועט מען אויך פארשטיין דעם רמז אין לשון חז״ל[43] „והעידו הכל

---

34) ובזה יומתק לשון הגמרא (ב״מ שם): נהפך קלסתר פנים כו׳, כי מקודם לזה הי׳ קלסתר פני יצחק בהיפך מקלסתר פניו של אברהם (וראה הנסמן בהערה 24). — ולאגדת בראשית הנ״ל (הערה 3) הי׳ צ״ל דומה לשרה שעלי׳ אמרז״ל (ב״מ שם) האשה צרה עיני׳, גבורות.

35) ולהעיר ממש״נ (קהלת ח, א) חכמת אדם תאיר פניו, וצע״ק ממחז״ל (סנה׳ לח, א) שמחלק מראה מדעת.

36) ובפרט בהאבות שהן הן המרכבה (ב״ר פמ״ז, ו. פפ״ב, ו), הרי בודאי שגופם (כולל מראה פניהם) הי׳ לפי אופן נשמתם.

37) וצע״ק דגם אבימלך הוא (מלך פלישתים) — חסד (דקליפה. תו״א בשלח סא, סע״ג. לקו״ת ואתחנן ה, א. ובארוכה תו״ח פרשתנו ד״ה ואלה תולדות פ״ז ואילך).

38) ע״ד תענית כג, א.

39) לקו״ת ואתחנן יג, ג. ובכ״מ.

40) ביאוה״ז יב, ב. סידור שער התקיעות בסופו (ושם: ולכן עיקר ומקור כל הברכות לעולם המשיך יצחק דוקא). וראה במקומות שנסמנו בהערה הבאה.

41) משנה ריש תענית. לקו״ת שם. תו״א קז, ב. סה״מ תקס״ב ע׳ לב ואילך. ובכ״מ.

42) יהושע כד, ג.

43) לשון רש״י כאן. וכן בתנחומא כאן „שיעידו״.





דעם אלטן רבי׳ן גופא — פאר פעטערבורג, איז ניט געווען אויף אזוי פיל די התלבשות בהשגה[60]), ביז אז חסידות חב״ד מאנט, ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר שרייבט, מען[61] זאל לערנען חסידות בהשגה אין דעם זעלבן אופן ווי מען לערנט א סוגיא אין נגלה — דער חוצה פון דעם לומד עצמו —

איז נוסף לזה, מאנט מען, מען זאל מפיץ זיין די מעיינות חוצה — כפשוטו — צו א זולת וואס געפינט זיך אין „חוצה״ —

און נאך מער: מען זאגט דאך „חוצה״ אן קיינע הגבלות, ד.ה. אז אפילו אין חוצה היותר תחתון דארף מען מפיץ זיין די מעיינות.

ט. לכאורה איז עס א תמי׳ גדולה ביותר: אפילו אין נגלה זיינען דא הגבלות, ביז וכמ״ש[62] „ולרשע אמר אלקים מה לך לספר חוקי״, איז ווי זאגט מען, יפוצו מעינותיך חוצה?

אויף דעם קומט די הוראה, אז בשעת עס רירט אן אין עצם פון א אידן, וואס ער איז מושרש אין עצמות, רעכנט מען זיך ניט מיט הגבלות פון השתלשלות, און דער אויבערשטער איז מהפך וצר קלסתר פניו של יצחק ער זאל זיין דומה לאברהם, אז אויך פנימיות התורה וואס מצד סדרי השתלשלות איז זי בהעלם (גבורה, יצחק) זאל קומען בגלוי (חסד, אברהם).

און דער אלטער רבי זאגט[63] אז אויף דעם איז מכוון דער משל פון א בן מלך וואס איז זייער קראנק געווארן, ביז ס׳איז ניט געווען קיין עצה, נאר צו צערייבן אן אבן טובה וואס איז קבועה אין כתר המלך — און וואס אין דעם אבן טובה איז תלוי די גאנצע שיינקייט פון „נזר העטרה המכתירה״ — און געבן דאס טרינקען דעם בן־מלך. האט דער מלך געזאגט, אז ווי גרויס ס׳איז דער יוקר פון כתר המלכות, איז דאס אבער כאין ואפס לגבי דעם לעבן פון זיין זון.

— ע״פ דין טאר מען זיך ניט משתמש זיין אפילו בכתר המלך[64]. און דא איז מען אינגאנצן מאבד עיקר הכתר — צוליב דעם בן המלך (אע״פ אז ער איז א בן המלך, איז ער דאך ניט דער מלך[65]). ווארום בשעת עס רירט אן חיי בנו וועלכער איז מהותו פון דעם מלך — ווערן בטל אלע חשבונות.

און דער אלטער רבי איז נאך מוסיף אין דעם א געוואלדיקן ענין: אפילו בשעת דער מצב פון דעם בן מלך איז אויף אזוי פיל פארערגערט געווארן, ביז אז ס׳איז א ספק צי ער וועט מקבל זיין די מי הרפואה אפילו א טפה מהם, פונדעסטוועגן, איז כדאי און מען צערייבט דעם אבן טובה, וואס רובה וועט

---

60) תורת שלום ע׳ 114 (וראה לקוטי דיבורים ח״א כב, א ואילך).

61) ראה קונטרס: „תורת החסידות״, „לימוד החסידות״. ובכ״מ.

62) תהלים נ, טז. — אבל, נוסף על זה שגם בנגלה דתורה אמרו (פסחים נ, ב) לעולם יעסוק כו׳ שלא לשמה — (שהכוונה בזה, גם בדרגות הכי תחתונות ב„לא לשמה״ — תניא ספל״ט. הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ד ה״ג עיי״ש) — כי „מתוך שלא לשמה בא לשמה״, הרי בנוגע פנימיות התורה, הבטיחו חז״ל (איכ״ר בתחלתו. ירושלמי חגיגה פ״א סה״ז) המאור שבה (שזוהי פנימיות התורה — קה״ע שם) מחזירו למוטב.

63) „התמים״ ח״ב ע׳ מט [עב, א].

64) סנהדרין כב, א (וברמב״ם הל׳ מלכים רפ״ב: ולא בכתרו) וביותר בכתרו (ראה מפרשים למגלת אסתר ו, ט).

65) ע״ד בסנהדרין שם: אסורה לאדוני.

„אברהם הוליד את יצחק" — ניט „וידעו" וכדומה, נאר „והעידו" (און רש"י חזר'ט איבער דעם לשון א צווייטן מאל: „עדות יש שאברהם הוליד את יצחק") — וואס איז די הדגשה דא אין דעם ענין פון עדות?

וי"ל הענין אין דעם:

עדות איז שייך דוקא אויף א דבר הנעלם, אויף א דבר הגלוי, אפילו אויף א מילתא דעבידא לאגלויי, דארף מען קיין עדות ניט האבן[44]. דאס הייסט — דורך עדות ווערט נמשך ונתגלה אן ענין וואס מצד עצמו איז ער למעלה מ(גדר) גילוי — לא עבידא לגלויי. וברוחניות איז עס די המשכה פון למעלה מהשתלשלות[45].

און דאס איז בנדו"ד דער רמז אין „עדות" — דאס וואס „אברהם הוליד את יצחק", התכללות חסד וגבורה, איז עס מצד המשכת בחי' שלמעלה מהשתלשלות[46]: לויט טבע ושכל קען עס ניט זיין, עס האט קיין ארט ניט, ס'איז אבער „עדות יש כאן" — בדוגמא ווי עדות וואס זיינען מעיד אז זיי אליין האבן עס געזען, מוז מען זיי גלויבן.

ו. די הוראה דערפון בעבודתינו איז:

ס'איז ידוע[47] דער טעם וואס אברהם יצחק ויעקב ווערן אנגערופן אבות ווייל זיי זיינען דער שרש ומקור פון כל אחת מנשמות ישראל, און די בחי' פון יעדערן פון די אבות קומט בירושה לכאו"א מבניהם אחריהם בכל דור ודור, איז ביי יעדער אידן דארפן זיין די עבודות פון די אלע דריי אבות.

דערפון איז מובן, אז אויך דער „צר קלסתר פניו כו'", התכללות פון חסד וגבורה, קען (און דארף) זיין ביי יעדער אידן. ולדוגמא ווי עס שטייט אין תניא[48], בכי' תקיעא בלבאי מסטרא דא וחדוה תקיעא בלבאי מסטרא דא.

וואס דאס איז אן ענין וואס איז העכער פון הגבלת הטבע וסדר השתלשלות. כאמור לעיל, אז מצד סדר השתלשלות זיינען חסד וגבורה צוויי הפכית'דיקע קוים און זיי קענען ניט זיין צוזאמען. וכמאמר הספרי[49] אז אהבה ויראה צוזאמען קענען זיין במדת הקב"ה בלבד (נאר אין עבודת ה', ניט אין עניני העולם).

(נאר אין דעם בכי' תקיעא כו' — זיינען דא צוויי מדריגות[50]: א) די מרירות זאל זיין דאנערשטיק ביינאכט, און די שמחה — שבת. ב) הקשה יותר — די מרירות מיט שמחה זאלן זיין צוזאמען, בבת אחת. און וויבאלד אז יעדער איד איז א יורש פון די אבות,

44) ראה ר"ה כב, ב.

45) ראה לקו"ת ד"ה אלה פקודי ס"ד. ד"ה ויקם עדות הש"ת. לקו"ש חי"ט ע' 190־1.

46) ויש לקשר זה עם המבואר באוה"ת (ריש פרשתנו) שהתכללות דחסד וגבורה, אברהם ויצחק, הוא מצד בחי' הדעת, ומביא שם שדעת אותיות עדות* (עיי"ש) — והרי דעת הוא בקו האמצעי שעולה עד פנימיות הכתר, עתיק (שלמעלה מהשתלשלות), והוא למעלה מהתחלקות חו"ג (דלית שמאלא בהאי עתיקא, כלא ימינא — זח"ג קכט, א. וראה שם רפט, א).

*) כן הלשון (דעת בלא וא"ו) באוה"ת ובכ"מ: ובלקו"ת פקודי (ד, ב) ובכ"מ: דעות (בוא"ו) אותיות עדות. ולהעיר מתקו"ז חס"ט בתחלתו. קה"י ערך דעות.

47) שלכן אין קורין אבות אלא לשלשה (ברכות טז, ב), כי בחי' השבטים יש לך אדם שאין בו כלל בחי' ומדריגות אלו, משא"כ בחי' האבות צריך להיות בכל אדם (תו"א וארא נה, א. וראה לקו"ש חי"ד ע' 1068 בהערה).

48) ספל"ד.

49) ואתחנן ו, ה.

50) ראה אגה"ת פ"י ורפי"א.





וואס א יורש נעמט דאך אלץ, במילא קען יעדער איינער (עכ"פ לפעמים) איינשטעלן זיין סדר אויך אין דעם אופן).

ז. נאך א הוראה מהנ"ל איז:

בכדי אז אלע זאלן מעיד זיין אז אברהם הוליד את יצחק, האט דאך דער אויבערשטער געקענט מאכן מלכת־חילה קלסתר פניו של אברהם דומה ליצחק[51], דאס איז אבער אפילו בטבע ובשכל שווערער[52] ווי עס איז געווען בפועל — „צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם"[53].

וואס די הוראה דערפון לכאו"א איז:

בשעת מען האט פאר זיך אן עבודה וואס קען געטאן ווערן אין איינעם פון די צוויי קוין — קו החסד אדער קו הגבורה — און ס'איז א ספק וועלכע פון זיי צו אויסקלייבן, דארף מען בוחר זיין דעם קו החסד.

וע"ד ווי עס שטייט אין תניא בכיו"ב[54], אז בשעת מען איז מקרב א אידן, איז לבד זאת וואס „לא הפסיד שכר מצות אהבת רעים" איז „וכולי האי ואולי יוכל לקרבן לתורה ועבודת ה'".

ח. ענין הנ"ל — אז צוליב דער טענה פון ליצני הדור האט מען מבטל געווען טבע וסדרי השתלשלות און מען האט געמאכט דעם קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם — יש לקשר אויך מיט „יפוצו מעינותיך חוצה"[55], וואס בעיקר האט זיך דאס אנגעהויבן י"ט כסלו[56] (ולהעיר אז פ' תולדות פאלט אויס אלעמאל בחודש כסלו[57] (אדער בשבת מבה"ח[58] כסלו) — דער חודש הגאולה, אין וועלכן עס האט זיך אויפגעטאן דער ענין פון „יפוצו מעינותיך חוצה"):

עס שטייט אין זהר[59], אז אין תורה זיינען פאראן גופי תורה — גליא דתורה, און נשמתא דאורייתא — רזין דאורייתא.

ע"פ סדר ההשתלשלות זיינען זיי (נשמתא דאורייתא און גופי תורה) לכאורה צוויי באזונדערע ענינים, און יעדערער פון זיי האט זיך זיין אופן: גופא דאורייתא איז בגילוי און נשמתא דאורייתא בהעלם (וכמובן אויך פון דעם נאמען רזין — סודות: בשעת מען איז מגלה, ווערט עס אויס סוד).

קומט י"ט כסלו און איז „מכריז" — „יפוצו מעינותיך חוצה". אז די מעינות פון פנימיות התורה זאלן נמשך ונתגלה ווערן, און אין אן אופן פון הפצה, און אויך אין „חוצה".

— נוסף אויף דעם וואס חסידות חב"ד האט אראפגעטראגן פנימיות התורה אין הבנה והשגה, חכמה בינה ודעת (וואס פאר דעם אלטן רבי'ן, און אפילו ביי

51) מכיון שההעדאה הוצרכה להיות על שייכות יצחק ואברהם (כי על זה הי' הטענה).

52) כי אז הי' צ"ל קלסתר פני אברהם היפך המתאים גם לפני לידת יצחק — נס למגנא!

53) וכמו"כ בבחי' עתיק, שהיא הסיבה והנתינת כח לצר קלסתר כו' (כנ"ל הערה 46) כלא ימינא.

54) פרק לב. וראה בארוכה קונטרס אהבת ישראל (קה"ת, ברוקלין, תשל"ז). וש"נ.

55) מענה המשיח להבעש"ט שאז יבא. נתבאר בלקו"ש חי"ד ע' 1119. ובכ"מ.

56) תורת שלום ע' 112.

57) ראה של"ה חלק תושב"כ ר"פ וישב: המועדים של כל השנה . . בכולן יש שייכות לאותן הפרשיות שחלות בהן.

58) שכולל כל ימי החודש, שהרי כולל ימי השבוע שלאחריו ור"ח בכללם.

59) ח"ג קנב, א.